# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** פאר די מלחמה איז דער הויפט רב פון דעם שטאט דראהאביז–באריסלאוו אין פולין, געווען רב יעקב אביגדור ז"ל. באלד נאכדעם וואס די דייטשע מיליטער איז אריינגעקומען קיין פולין, זענען ר' יעקב מיט זיין משפחה נעבאך אוועקגעשיקט געווארן צו א געטו. איין טאג דערנאך זענען זיין פרוי און טעכטער אומגעקומען על קידוש השם, הי"ד. ר' יעקב איז געבליבן מיט זיין צוויי זין יצחק, וואס איז געווען 24 יאר אלט, מיט אברהם בער, וואס איז געווען דעמאלט 14 יאר אלט. איין טאג איז דער טאטע ר' יעקב צושיידט געווארן פון זיין צוויי זין. די צוויי זין יצחק מיט אברהם בער זענען געשיקט געווארן קיין מאטהויזן. בעפאר ר' יעקב איז אוועקגענומען געווארן, האט ער געשריגן צו זיין עלסטען זון יצחק, "פארגעס נישט! האלט אברהם בער מיט דיר, נעם קעיר פון אים..."

יצחק מיט זיין יונגערער ברודער אברהם בער האבן קוים דורכגעלעבט די מלחמה. זיי זענען באפרייט געווארן כ"ב אייר, תש"ה. ביידע זענען קראנק געווען מיט טיפוס און פארשטייט זיך האבן זיי געליטן פון שטארק הונגער. אבער ב"ה, זיי האבן דורכגעלעבט די שרעקליכע טעג. זיי זענען געווען א שטיק צייט אין א "די.פי." לאגער (א לאגער פאר פליטים) אין אסטרייך, דאן האט מען זיי מיט אנדערע אידן געשמוגלט קיין איטאליע, פון וואו זיי האבן געהאפט צו קענען פארן קיין ארץ ישראל.

איין טאג ווען יצחק איז געגאנגען אויפן גאס אין שטאט מילאן, איטאליע, איז געקומען צו אים א פרוי וואס איז געווען די טאכטער פונעם חזן אין שטאט דראהאביז, פולין, וואו זיי האבן אלע געוואוינט פאר די מלחמה. דעמאלט, נאך כמעט 6 שווערע יארן פון מלחמה, האבן אידישע פליטים אויסגעזוכט זייערע בני משפחה, נישט וויסענדיג אויב זיי האבן איבערגעלעבט די מלחמה אדער חלילה נישט. יעדער מענטש וואס מען האט געטראפן פון דער היים, האט אפשר געוואוסט נייעס וועגן די בני משפחה.

די פרוי האט שטארק געוואלט מברר זיין וואס איז געשען צו איר מאן שמואל, ווייל זי האט נישט געזען זייט דעם אנהייב פונעם קריג. זיי האבן חתונה געהאט אין די געטו און דערנאך איז שמואל אוועקגעטראגן געווארן צו א געוויסן לאגער. די פרוי אליינס איז ב"ה אנטלאפן פונעם געטו. א גויאישע משפחה האט איר באהאלטן דורך די לעצטע יארן פונעם קריג. יעצט האט זי געוואלט צוריקגיין צום נארמאלן לעבן מיט איר מאן.

יצחק האט ליידער געוואוסט דער אמת וועגן די פרוי'ס מאן שמואל. שמואל מיט יצחק האבן געארבעט צוזאמען אין דעם "גאוסען" לאגער, וואו שמואל איז נעבאך אומגעקומען עקה"ש דורך דעם שווערן ארבעט. יצחק האט אלעס געזען און ער האט געקענט מעיד זיין אויף שמואל'ס הסתלקות.

שטאטליך און מיט גרויס איידלקייט, האט יצחק געזאגט פאר די פרוי די טרויעריקע בשורה. זי האט שטארק געוויינט, נישט וועלן גלייבן אז עס איז טאקע אמת. ווען זי איז בארוהיגט געווארן, האט יצחק פארגעלייגט פאר איר צו שרייבן א בריוו אין וואס ווער שטייען זיין עדות וועגן שמואל'ס הסתלקות. מיט דעם בריוו וועט זי קענען נאכאמאל חתונה האבן. אן דעם בריוו, וועט זי אפשר בלייבן ח"ו אן עגונה.

די פרוי איז אבער געווען צו שטארק צובראכן צו הערן פון דעם. "מיין לעבן האט געענדיגט... איך גיי נישט נאכאמאל חתונה האבן. איך דארף נישט *דעם* בריוו... און נישט קיין אנדערע בריוו אויך נישט!" און מיט די ווערטער האט זי אנגעהויבן צו וויינען נאכאמאל. עטליכע טעג פאר יענע פרוי האט געדארפט פארלאזן דעם שטאט מילאן, האט יצחק געשריבן דעם בריוו וועגן איר מאן. זי האט נאכאמאל נישט געוואלט עס נעמען, אבער יצחק האט געהאלטן פעסט אז זי מוז עס נעמען. סוף כל סוף האט זי מסכים געווען צו נעמען דעם בריוו.

די פרוי איז ארומגעפארן אייראפא זוכן אביסל מנוחת הנפש, ביז זי איז אנגעקומען צו דעם פלאץ וואס איז אמאל געווען דעם פארשאלטענע לאגער בערגען בעלזן. נאך דעם קריג איז דער לאגער געווארן א "די.פי" לאגער. דארט האט מען אנגעטראגן א שידוך פאר יענע פרוי און זי האט מסכים געווען דערצו. די רבנים אין דעם לאגער האבן נישט אזוי שנעל געלאזט אלמנות חתונה האבן. נאר, א פרוי האט געדארפט ברענגען עדות אז איר מאן איז נסתלק געווארן אין די מלחמה, אדער ער האט איר געגעבן א גט. יעדע פרוי האט דער בית דין גוט חוקר געווען פאר מען האט איר מתיר געווען חתונה צו האבן. די גאנצע פרוצעדארע האט געקענט נעמען חדשים אדער אפילו יארן!

איין טאג איז די פרוי געגאנגען צו דעם בערגען בעלזן בית דין. עס איז געווען א לאנגע שורה פון צובראכענע הערצערווארטן צו רעדן מיט די דיינים. נאך א לאנגע ווארט, איז די פרוי געקומען אין פראנט פון די דיינים. זי האט געזאגט אז אירע איינציגסטע עדות אויף איר מאן'ס הסתלקות איז געווען יענע בריוו. "אסאך האבן בריוון, יעדער מצב מוזן מיר גוט נאכקוקן." האבן זיי געזאגט צו איר.

"אבער, מיין בריוו איז פון א רב אין איטאליע..." האט זי געזאגט. דאן, מיט גרויס פארשטערונג, האט זי געגעבן א ווארף אראפ דעם בריוו פאר איינעם פון די דיינים. דער רב האט גענומען דעם בריוו און ער האט עס געעפענט און געליינט. פלוצלינג איז זיין פנים געווארן ווייס, און ער האט אנגעהויבן צו שוויצן שטארק. "פון וואו האסטו דעם בריוו?" האט דער דיין איר געפרעגט, מיט זיין קול הייזעריג פון התרגשות. "א רב האט מיר עס געגעבן אין מילאן." האט זי אים געענפערט. "דו האסט געזען דעם מענטש?!?" האט דער דיין געפרעגט מיט ערשטוינונג אין זיין שטימע. "ער לעבט?" "אוודאי לעבט ער," האט די פרוי געזאגט, "איך האב אים געזען נאר עטליכע וואכן צוריק!"

רב יעקב אביגדור האט צוריקגעהאלטן טרערן. זיין זון, ווען ער האט געמיינט אז ער וועט אים קיינמאל נישט נאכאמאל זען אין זיין לעבן, האט טאקע דורכגעלעבט די מלחמה! שפעטער אינעם טאג האט ר' יעקב גערופן דעם עסקן ר' יעקב גריפל פון דעם "דזשאוואיש רעסקו קאמיטי" אין איטאליע. ר' יעקב גריפל האט מצליח געווען צו טרעפן יצחק מיט אברהם בער. אביסל נאכדעם האט ר' יעקב גריפל זיי געגעבן א בריוו פון זייער טאטען. פארשטייט זיך אז זיי זענען געווארן מלא שמחה צו געוואר ווערן אז זייער טאטע האט אויך דורכגעלעבט דעם קריג, ווייל זיי זענען זיכער געווען אז ער איז אוועק מיט די אנדערע בני משפחה אין דער שואה.

עס האט גענומען דריי חדשים ביז ר' יעקב האט געקענט פארן קיין מילאן צו באזוכן זיין זין. ווען ער איז אראפגעקומען פונעם באן, האט ער געזען א ריזיגע עולם פון מענטשן מיט סאלדאטן וואס זענען געפארן מיט יענעם באן. ר' יעקב מיט זיין זין האבן אפגעמאכט צו טרעפן לעבן דעם באן. דער טאטע ר' יעקב האט געזוכט זיין זין עטליכע מינוט, לכאורה זענען די צוויי ברידער געגאנגען לעבן זייער טאטען עטליכע מאל, אן די ברידער האבן אים דערקענט! די מלחמה האט אזוי שטארק געטוישט דעם אויסזען פון מענטשן, אז עס איז נישט געווען קיין פלא אז א מענטש האט אפילו נישט דערקענט זיין קרוב. סוף כל סוף האט ר' יעקב אויסגערופן זייער נעמען. די צוויי ברידער האבן זיך ארומגעדרייט צו זען זייער טאטען. די אלע דריי האבן שטארק באדאנקט דעם אייבערשטען אז זיי האבן זוכה געווען זיך צו טרעפן נאכאמאל נאך אזעלכע שווערע יארן.

מיר ליינען וועגן ענינים פון דעם מעשה אין די וואכעדיגע פרשה. עס שטייט אין פסוק, "...להעלת נר תמיד. באהל מועד מחוץ לפרכת אשר על העדת..." ד"ה, דער אייבערשטער האט באפוילן אנצוצינדען דער מנורה, אין די אוהל מועד אין דרויסן פון די פרוכת וואס איז אויפ'ן "עדות." זאגט די גמרא, די מנורה האט געוויזן "עדות" אויף דער מציאות פון השי"ת. ווייל דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, אז די לעכט אויף די מערב זייט פונעם מנורה איז קיינמאל נישט אויסגעלאשן. דורך די נס פון דער מערב לעכט אויפ'ן מנורה, האבן מענטשן געגלייבט אין השי"ת. (מנחות פו:)

היינט איז דא אן אנדערע זאך וואס טוט ווייזן עדות אויף דער מציאות פון השי"ת. דאס וואס די אידן האבן דורכגעלעבט אלע רדיפות, און הריגות און שריפות דורך אלע דורות, ווייזט אויף דער מציאות פון השי"ת. אזוי ווי עס שטייט אין נביא "אתם עדי נאם ה' ועבדי אשר בחרתי למען תדעו ותאמינו לי ותבינו כי אני הוא לפני לא נוצר אל ואחרי לא יהיה." איר זענט מיין עדות, האט דער אייבערשטער געזאגט, און איר זענט מיין קנעכט וואס איך האב אויסגעקליבן כדי איר זאלט וויסן און גלייבן אין מיר און פארשטיין אז איך בין דער וואס פאר מיך איז גאר נישט באשאפן געווארן און נאך מיך וועט גאר נישט באשאפן ווערן. (ישעיה מג,י – געהערט פון הרב אורי זוהר שליט"א) וועגן דעם, זענען מרמז די פסוקים אויף כלל ישראל "...להעלת נר תמיד. באהל מועד מחוץ לפרכת אשר על העדת..." ווייל די אידן זענען "עדות" אויף השי"ת און די אידן זענען א "נר תמיד" ווייל דער פאלק וועט קיינמאל נישט אויסגעלאשן ווערן. גוט **שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה"ר יואל אשר פישל הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו יעקב יוסף נ"י בשעטומ"צ • מזל טוב למוה"ר חיים יעקב גרויס הי"ו לרגל שמחת נישואי בנו מרדכי אברהם נ"י בשעטומ"צ
מזל טוב למוה"ר יעקב יוסף קארן הי"ו לרגל שמחת הבר מצוה של בנו אליעזר יום טוב ליפא ברוך נ"י • נתרם לרפו"ש של מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, צבי בן חנה, יהודה בן אסתר,
משה דוד בן מרים בתשח"י • לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה, לע"נ עמרם בן שמעון ע"ה, לע"נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע"ה
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845) **כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**